# מ ס ד ר א ג ר ת אודר אײן נאײער שרײַב לעהריר אונ בריפֿשטעללר פֿיר ײדישי קינדר בײדע גישלעכטיר (װילנע-גראָדנע, 1825)

יום ב"ח לחודש אײר תקפ"ה לפ"ק

אַן מײַן ליבן האַרציקן מחותּן הרבנו הגבֿיר והמפֿורסם מהורר ירוחם פֿישל פ"ץ,

אײַער ערלעכע און רײַכע מתּנות װי איר מיר געשיקט האָט דורך הרבני מהורר משולם האָב איך ריכטיק דערהאַלטן, ניט װײניקער אויך אײן בריװ דערבײַ. איטלעכער װאָרט פֿון בריװ האָט מיר פֿיל פֿרײד געמאַכט, און צום מערסטן דאָס גריס [דער גרוס] פֿון מײַן ליבן און האַרציקן חתן. איך האָב אויך געהערט דערצײלן פֿון דעם שרײַבן פֿון מײַן שײנעם חתן און יעצונד [אַצינד] האָב איך עס מיט מײַנע אײגענע אויגן געזען די פּאָר שנור פּערל די ער מיר געשיקט האָט, װען אויך זײ זײַנען ניט גרױס אָבער דאָס קאָליר איז זײער העל און שײן. די אוירינגלעך די איר מיר געשיקט האָט, זײַנען דערפֿון די הענגלעך גאָר צו קלײן, נאָר איך מוז עס דאָך פֿאַר גוט אָננעמען. דער סידור קרבן מנחה איז אײן שלעכטער דרוק, ע"פּ [על-פּן] בעט איך אַז איר זאָלט מיר קױפֿן פֿון װילנער דרוק, װײַל די דרוק איז יעצט די בעסטע דרוק, גם מיר אויך צו שיקן אײן פֿײנעם מחזור אויף טײַטש װײַל די אַלע מחזורים װאָס זײַנען שוין געדרוקט געװאָרן איז פֿון זײ דעם טײַטש גאָרניט צו פֿאַרשטײן, און איך האָב געהערט אַז בװילנא זאָל געדרוקט װערן אײן מחזור מיט טײַטש װאָס עס שוין צו הערן זאָגן אַז עס װעט זײַן זײער שײן געדרוקט און דער טײַטש פֿיל פֿאַרבעסערט. ע"פּ ליבער מחותּן, דאָס װעט זײַן בײַ מיר די בעסטע מתּנה. דאָס שטיק דאָס איך האָב מקבל געװען איז גאָר װונדער אָפּגעאַרבעט ובפֿרט דאָס איך האָב געהערט, אַז מען האָט זי אין װילנא געאַרבעט, און זי איז פֿיל שענער איר אַרבעט װי די אויסלענדישע. איך האָף אַז אי"ה [אם ירצה השם] אויף דעם יו"ט [יום-טובֿ] הבע"ל [הבא עלינו] װעט איר נאָך מיר שיקן, דעמאָל[ט] װעל אי׳ אפֿשר בײַ אײַך פֿיל װאָס מער אַנפֿאַנגען פֿון מתּנות. און איך האָב אויך די ערע אײַך מאַכן צו װיסן דאָס מײַן פֿאָטער האָט שוין אויך געקױפֿט גאָר שײנע מתּנות פֿאַר

פֿאַר מײַן חתן, הײַנו אײן שײנעם גילדענעם זײגער געזעצט אַרום דעם
קקפֿערט מיט רובינען, און אויך אַ פֿײַנע שטרײַמל, זײער שײנע אָגאָנקעס ° fur tail
רוסישע. אויך האָט ער גערעדט מיט מײַן מוטער אום װעגן ער זאָל פֿאָרן
חתן מאַכן אײן שײן פֿיקסן-פֿוטער און האָט געהײסן אײן קירזשנער
אויסזוכן אײן שײן בלאַס פֿיקס, און איך האָף אַז מײַן חתן װעט אויך זײער
צופֿרידן האָבן. און אין דעם זײַט געזונט און פֿריש און גריסט מײַן חתן
גאָר פֿרײַנטלעך, גם צו מײַן ליבע[ר] מחותנתטע פֿון מיר,

אײַער כּלה רויזע נחמה

## ע נ ט פֿ ע ר

יום י״ג לחודש אדר שני

מײַן ליבע כּלה,

איך האָב דײַן בריװ געלײענט און האָב גרויס פֿאַרגעניגן געהאַט
פֿון דעם אַז דו שרײַבסט מיר אַז דו ביסט גאָר צופֿרידן געװען פֿון מײַנע
מתנות, און איך װעל אי״ה אויף יו״ט הבע״ל שיקן נאָך דיר אײן שײנע
בריקע מיט 4 פּאָר פֿערד און איך האָב נאָך פֿאַר דיר שײנע מתנות אָנגעגרײט.
נאָר דײַן חתן האָט אויף דיר אײן ביסל פֿאַראיבל װאָרום דו זעסט ניט
אַז מען זאָל אים שוין זײַנע מתנות אָפּשיקן, און דער חתן האָט מיר אויך
שוין אַלײן געזאָגט אַז ער איז צופֿרידן מיט דער כּלה און איז זײער
צופֿרידן געװען פֿון דײַן בריװ אַז ער האָט געזען דײַן שײן שרײַבן. און
װײַטער האָב איך קײן נײַעס צו שרײַבן. זען זיך צוצוריכטן אַז די פֿור
װעט קומען נאָך דיר דאָס זי זאָל ניט באַדאַרפֿן פֿיל שטײן און תּיכּף צו
פֿאָרן. פֿון מיר דײַן מחותּן

ירוחם פֿישל כ״ץ

יום ו' חשון תקפ"ח

לכבוד הה' הרבני הנגיד המפֿורסם החכם מהו' יהונתן שמריהו נ"י,

איך האָב אײַך שוין מײַן ליבער ר' יהונתן בּמה שידוכים פֿאָרגעשטעלט
און איר קענט זיך קײן שידוך ניט צוקלײַבן. ערשט בין איך געקומען פֿון
װעג, האָט זיך מיר געטראָפֿן אַרײַנצופֿאָרן אין אײן געװיסע[ר] קרעטשמע,
װו איך האָב געפֿונען אײן אלמנה װאָס פֿאַר עטלעכע װאָכן איז ערשט בײַ
איר דער מאַן געשטאָרבן. אמת זי האָט זיבן קינדער, זי האָט אָבער שײנע
גוטס, צין און קופּער װי האָלץ, לעפֿל ציגענע האָב איך געזען אַלײן אײן tin
סך, הײַנט בעכערלעך און אַנדערע כּלימו זי איז אמת װאָס שולדיק אין
הויף אָבער זי האָט דערויף פֿיר-פֿינף עמער בראָנפֿן, עטלעכע לויף האָבער,
תּבֿואות אַנדערע אײן פּאָר טון, עטלעכע װעגן הײ, אײן קו, צװײ קעלבער,
אײן פּאָר ציגן. דאָס איז אַלץ אײגענע, הײַנט אין שענק זיצט זי אויפֿן
צענטן גראָשן, קלײדער בגדי נגידים, קאַרמעזינענע אַרבעלעך מיט crimson
גאַלינדלעך באַלײגט, אײן רויטן אַדאַמאַשקענעם װעסט מיט ברײטע גאַלינען Damascan linen
מיט האָקן זילבערנע; אײן גרינע שטאָפֿענע קלײד מיט סטראַטשקעס. חוץ
גרעט זאָגט זי אַלײן אַז זי האָט װײניק, חוץ שאַרשטענער דרוצקענע און
דרילכענע פֿאַרטעכער לחול ושבת, קאַרטונענע אײן פּאָר פֿאַר טיכער מיט ticking with stri
גרויסע קװײטן ליו"ט חוץ שלײער, בעטגעװאַנט. זי מוז געװיס האָבן
באַהאַלטענע פֿופֿציק-זעכציק גילדן בשתיקה די קינדער. איך האָב איר
געפֿרעגט װעגן געלט, האָט זי געשמײכלט. זי האָט צו מיר אײן װונק געטאָן,
די קינדער זאָלן ניט הערן. און װײַטער איז זי נאָך אין יוגנט, װעט אַלט
זײַן אײן יאָר פֿופֿציק, און אפֿשר נאָך װאָס װײניקער. אמת זי הינקט
עטװאָס צו אָבער אײן גרויסע בריה, רעדט רײַסיש און ליטװיש אַז די
דאָרפֿלײַט װונדערן זיך. איך האָב איר אויף צו פֿלײַס געפֿרעגט װי פֿירט
זי דעם שענק, האָט זי מיר געװיזן אין קעלער אײן פֿאַס שטײט מיט
אונטערביר און די אַנדערע מיט װאַסער. בײַ די הויפֿישע בראָנפֿן דעם
גלײַכן - אײן זבאַן [קרוג] מיט בראָנפֿן און די אַנדערע מיט װאַסער.
און מאַכט מלאָכות איך זאָג אײַך אײן חכמה פֿון דער װעלט! קױלעטשן
באַקט זי אַלײן, קומט זונטיק, לײזט זי שײנע געלט; קומען אָן בײַ נאַכט
די דאָרפֿלײַט, מיט אײן פֿידל, זי נעמט זי אַזוי אָרנטלעך צו - טרינקט

און טאַנצט מיט זיי אין איינעם, און לעבט זיך זייער גליקלעך. איך האָב איר אײַך פֿאָרגעשטעלט און האָב ניט געזאָגט אַז איר האָט אויך פֿיר-פֿינף קינדער, איז איר זייער געפֿעלן. עס איז איין לאַנד-שידוך פֿאַר אײַך. קומט צו פֿאָרן, וועלן מיר למז"ט [למזל-טובֿ] היין פֿאָרן און חופה שטעלן. איך ווייס אַז איר וועט מיר דאַנקען, נאָר זאַמט ניט, דען עס וועט זי אין אַנדערער אַוועקכאַפּן.

אײַער פֿרײַנד יהושע שבתי שדכן.

ע נ ט פֿ ע ר

יום ג' כּסליו תקפ"ה

להה' הרבני המפֿורסם כּבֿוד מהו' יהושע שבתי נ"י

מײַן פֿרײַנד, ווען איך וואָלט אײַך ניט קענען, וואָלט איר האָבן בײַ מיר דבֿרים רעים. ווי קאָנט איר מיר ריידן [אַ]זוי איין שידוך, איינס מיט זוי איין ליבע יוגנט, איין קאַליקע מיט זיבן קינדער, קען טרינקען און טאַנצן מיט דאָרפֿלײַט, די ליבע בגדי-נגידים, די גרויסע חכמה. און אַז איך בין מיר יאָ אַ קלויזנער, פֿון דעסט וועגן לעב איך מיר מיט מײַנע קינדער אָרנטלעך. איך בין ב"ה [ברוך-השם] איין למדן. איך האָב מיר 2 תלמידים וואָס איך לערן מיט זיי חומש מיט חיבור, נעם איך 30 גראָשן איין וואָך. איין האַלבן גילדן האָב איך הספקה אין קלויז; אַלע אין דער פֿרי האָב איך מיר מײַנע גריץ מיט פוטער; שבת בין איך איין בעל-קריאה, נעם איך אַלע וואָך אַכט גראָשן. אָפֿט טרעפֿט זיך בײַ איין אָבֿל ר"ל [רחמנא ליצלן] צו גיין צום מנין אַ גאַנץ שיבֿעה, נעם איך אויך צוואַנציק גראָשן אויף מײַן חלק. אָפֿט טרעפֿט זיך אין קלויז פֿאַר איין קראַנקן ר"ל מתפלל צו זײַן, פֿאַרדין איך אויך פֿיל ווייניק. שבת עס איך בײַ דעם גבאַי פֿון קלויז מיטן גרעסטן כּבֿוד; מען גיט מיר נאָך חלה אויף נאָך שבת אויף איין פאָר איבערבײַסנס. מײַנע קינדער גיט מען פלעטן און מען האַלט זיי גאָרניט אויף. פֿון סליחות ביז יו"כ [יום-כּיפּור] זיץ איך אויפֿן בית-עלמין מיט איין פושקע. בײַ איין נגיד אויף איין וואַכנאַכט האָב איך איין גוטע וועטשערע און קריג נאָך עטלעכע גראָשן, און נאָך פֿיל הכנסות. וואָס דאַרף איך די הינקעדיקע אלמנה פֿון פופציק יאָר מיט זיבן

קינדער און מי יודע וויפל איר פארליקנט נאך פון מיר? נאך מײַנע מעלות און הכנסות דאַרפט איר מיר ריידן איין שידוך איין יוגנט פון 16 יאר מיט פיל געלט און איין שײַנע פארשוין וואס צו זוכן און צו הערן אין לאַנד איז. אַזוינע זאַכן מעגט איר מיר שרײַבן, און ווײַטער לעב געזונט,

פון אײַער יהונתן שמריהו נ״י

פון: יהודה עלזעט [פסעוו׳], מיט הונדערט יאהר צוריק. שטודיען אין דעם אַמאָליגען אינערליכען אידישען לעבען (מאָנטרעאָל 1927).
זז׳ 12-16, 42-45